balboos
יגיע כפיך כי תאכל
פרשת קרח תש"ע
June 7, '10

די הייניגע וואך

- צאת הכוכבים (72) נ.י.: 9:36
- קומענדיגע וואך דינסטאג: עטליכע ערליי טעקסעס דוי דעיט, מאכט זיכער מיט אייער אקאונטענט אז איר זענט אפ טו דעיט.


דער פרנסה ראפעל גורל'דיגער טאג איז שוין אט דא!
TUESDAY, JUNE 22 2010
ג' פרשת בלק תש"ע
PARNASSA RAFFLE
$130,000
PARNASSA SEMINAR
STAY TUNED
Get SMS Drawing updates
Text WIN130 to 43704
CLICK HERE FOR MORE DETAILS

דעת בעל-בית

וועגן די נייע פאנטס

לכבוד די בעל-בית

איך בין א געטרייע ליינער, דערפאר ערלויב איך מיר צו זאגן א קליינע קריטיק, איך גלייך נישט די נייע פאנטס וואס איר האט אנגעהויבן צו ניצן, איך האלט אז די אלטע איז געווען פיל שענער.

הצלחה אויף ווייטער.

י.י. ב"פ

רעדאקציע: מיר האבן פיל צוריקגעהערט אויף דעם נייעם פאנט, אבער נאכן זיך דערזען מיט אינהאלט וועלכע ווערט כסדר גרעסער און גרעסער האבן מיר געוואלט פארקלענערן דעם פאנט כדי צו פארגרינגערן אז מען זאל נישט דארפן אזויפיל "אראפ מישן", און אויפן קאמפיוטער סקרין ווערט זיך אמבעסטן ליינען דער "אריאל" פאנט וועלכע ווערט רעקאמענדירט ספעציעל פאר וועבזייטלעך וואס מען קוקט מייסטנס אויפן קאמפיוטער סקרין. דער אלטע פאנט איז טאקע געווען "שענער" אבער עס וואלט זיך נישט געקענט אזוי גוט ליינען אין די מצומצם'דיגער קאמפיוטער סקרין פיקסעלס.

היברו אין קוויקבוק

איך האב געוואלט וויסן אויב מען קען ניצן לשה"ק אין קוויק בוקס.

ברוך בלוי

יוחנן שיף: לויט מיין אינפארמאציע פון אנדערע מענטשן, איז עס מעגליך אין קוויק בוקס 2010, אבער עס ארבעט נישט אויף הינדערטע פראצענט. איך האב עס אבער נישט זעלבסט פרובירט. אויב איינער ווייסט מער פרטים זאל ער מוחל זיין ארייננשיקן, לתועלת הרבים.

וויכטיג פאר דרייווער צום קאנטרי

לכבוד דער געטרייער בעל הבית...

צוויי זאכן וואס איך שפיר אז עס וואלט געקענט זיין אינטערעסאנט פאר אנדערע בעפארן זיך ארויסלאזן צום קאנטרי.

1) אין ניו דזשורסי איז נארוואס אריין א געזעץ וועלכע פארלאנגט פון אלע פאסאזשירן אינעם קאר צו זיין איינגעבינדן, קיין חילוק די יארגאנג אדער די פלאץ אינעם אויטא וואו מען זיצט. איז וויכטיג ביים אדורכפארן דעם 17 צו אנדערע וועגן אין ניו דזשורסי צו הייסן יעדעם אינעם קאר זיך איינצובינדן.

מער איבער דעם נייעם געזעץ קענט איר זעהן דא.

http://www.state.nj.us/lps/hts/seatbelts.html

2) א גרויס חלק עולם האט זיך איינגעפירט זיך אפצושטעלן אויפן וועג צוריק ביים ערשטן "וועלעראו" Valero גאז סטאנציע אויפן 17, צוליב אירע כשרע פראדוקטן צו סיי וועלכע אנדערע סיבה.

איז וויכטיג צו וויסן אז די ערלים דארט נוצן שטארק אויס די אייגנארטיגקייט פון אונז אידן, און פילע ווערן באשווינדלט דארט מיט טשעינדזש, צו מיט טיפס, וכדומה.

איך האב זיך שוין לאנג נוהג געווען צו גיין צו אנדערע גאז סטאנציעס, ווייל רוב סטאנציעס אויפן 17 פארקויפן די זעלבע כשר'ע פראדוקטן, קאווע און מזונות א.ד.ג.

אבער אויב האט איר א ספעציעלע התקשרות צום יענעם גאז סטאנציע, זייט גרייט זיך צו טרעפן מיט ליידיגע הויזן.

יישר כח פארן פארעפנטליכן די שורות.

יוסף ש.

טיפס און דאונלאדעס פון א ליינער - 1

א גוטן,

איך בין אפשר נישט אייער גרויסער שרייבער, איך זיץ נישט אויף קיין וואלקנקראצער געביידע אין א שיינעם אפיס, אבער איך קענט דאס אריינשטעלן אין אייערע פאפולערע אויסגאבע, עס וועט צוניצקומען פאר אסאך מענטשן.

אין ווינדאוס, אין מייקראסאפט אפיס, קוויק-בוקס, אינטערנעט עקספלארער, אי.מעיל פראגראמען, און וואו נישט, זענען פאראנען צענדליגער טיפס און טריקס וועלכע קענען פארגרינגערן די גאנצע עקספיריענס. אויף קוויק-בוקס האט איר שוין דעם באגאבטן יוחנן שיף, וועל איך פרובירן ביי די אנדערע פלעצער, צו געבן נוצבארע טיפס, טריקס, און דאונלאודס (אלעס אומזיסט, און ספיי-ווער פריי). איך הייב אן דא, און יעדע שטיק צייט וועל איך אי"ה פרובירן ארייננשיקן נאך, לויטן פארלאנג און לויט מיין באגרעניצטע צייט.

וזה החלי:

א גרויסער עולם נוצט "אנליין" אי.מעיל פראוויידערס, ווי GMAIL, אדער YAHOO, HOTMAIL, וכדומה. די מעלה דערפון איז פשוט אז מען קען צוקומען דערצו פון סיי וועלכן קאמפיוטער וואס האט אינטערנעט עקסעס, אדער סמארט ("קלוגע") טעלעפאנען, וכדו'. פאראן אזעלכע מענטשן וואס מעקן נישט אלץ אויס די אלטע אי.מעילס, ווייל מען וויל עס "סעיוון" און אוועקלייגן פאר סיי וועלכע סיבה, און ממילא ווערט דער "אינבאקס" אנגעפילט און עס ווערט אומ-מסודר. איז גוט צו וויסן אז אויסער די געוועגליכע "פאלדערס" וועלכע אי.מעיל פראוויידערס שטעלן צו (צ.ב.ש. אינבאקס, אויטבאקס, דראפטס, ספאם, דיליטעד, א.א.וו.) , קען מען צולייגן אייגענע, און אהינרוקן סיי וועלכע אי.מעיל מעסעדזשעס (אהין און צוריק). למשל, איר קענט מאכן א פאלדער "סעיווד מעסעדזשעס", "ביזנעס מעסעדזשעס", אדער "וויכטיגע פיקטשערס", און ארייגלייגן יעדע מעסעדזש אין זיין קאטעגאריע.

מען קען דאס אויכעט טון אין "אוטלאק עקספרעסס", וואס די וועלכע נוצן נישט קיין "אנליין" אי.מעיל, נוצן עפ"י רוב (דער נאמען טוישט זיך צו "ווינדאוס מעיל" אין וויסטע, און "ווינדאוס מעיל לייוו" אין ווינדאוס 7. אגב, אין ווינדאוס 7 קומט עס נישט אינסטאלירט אויטאמאטיש, נאר איר מוזט עס דאונלאודן). עכ"פ דארט קענט איר אויך צולייגן און אויסמעקן פאלדערס לויט אייער געשמאק. (זעה בילד).


Outbox
Sent Items
Deleted Items
Drafts
Norton AntiSpam Fold
Saved Messages

אוטלאק עקספרעס האט א גרויסע חסרון, אז אויב איר ווילט נאכאמאל איבערשיקן א קאפי פון א געוויסע מעסעדזש, איז נישטא קיין עצה. איר קענט עס קאפיען/פעיסטן, אדער "פארווערדן" צום זעלבן פערזאן, צווישן אנדערע אומבאקוועמע אפציעס. די עצה דערויף איז א פשוט'ע דאונלאוד:

http://www.ablebits.com/outlookexpress-resend-email-message/index.php


Forward As Attachment
Create Rule From Message...
Block Sender...
Flag Message
Watch Conversation
Ignore Conversation
Combine and Decode...
Resend Message...

נאכן איסטאלירן דעם "פלאג-אין", וועט אייך צוקומען צו די "מעסעדזש" מעניו "רי-סענד מעסעדזש". ממש א מחי'. (זעה בילד).

המשך יבא אי"ה.

נעמט א טייל אין די דיסקוסיע. שיקט אריין בריוון צו mail@balboos.com, אדער קליקט דא

Click Here
OtzarStock BETA
Stock Photos
Hebrew Fonts
The Only Source for Jewish Graphic Designers
Hebron
Girls in a playground
Jerusalem view
Donuts
Mountain landscape
Yeshiva hall

דער אקאונטענט ענטפערט...
By:Kaufman Tax & Financial Inc.

Disclaimer: Content is provided for informational purposes only. For accounting, tax, legal, and business advice, you should consult your professional advisors.

עס איז מיר געווען א חידוש צו לייענען פארגאנגענע וואך אין דעם קאלום אז יעדע הוצאה מוז האבן א רעסיט, איך האב אלץ געמיינט אז א טשעק אויסגעשטעלט צו דעם מוכר, אדער א קרעדיט קארד טראנזאקציע וואס מען קען קלאר זען צו וועם עס איז געגאנגען, איז גענוג און מען דארף נישט אוועקלייגן די רעסיטס.

מיין שאלה איז צוויי פאכיג,

1) איז עס ווירקליך אזוי? מוז מען טאקע האבן א רעסיט אין יעדע פאל?

2) בדיעבד, למעשה אז איך האב נישט קיין רעסיטס אויף רוב פון מיינע הוצאות, זאל איך עס באמת נישט פיילען אלץ הוצאה? איז עס קעגן די געזעץ?

יישר כח, מ.פ. ומו"ב

ענטפער: מען דארף האבן א רעסיט אויף יעדע הוצאה, נישט קיין חילוק ווי אזוי מען האט געצאלט. בדיעבד אויב האט מען עס נישט, קען מען עס פיילען אלץ הוצאה, אבער עס וועט אסאך שווערער דורכגיין א "אודיט".

הסבר: אויב ווען זיין א "אודיט" וועט עס זייער שווער דורכגיין אויב בכלל, ווייל א טשעק איז נישט גענוג "פרוף", עס איז אבער נישט קיין קרימינאלע פארברעכן צו פיילען א "אמת'דיג" הוצאה אן קיין רעסיט, ממילא איז נישט דא וואס צו פארלירן, מען קען נאר פארדינען.

מעמד
הצלת ילדי ישראל
לטובת המוסד הקדוש "למען אחי"
L'MAN ACHAI
למען אחי
למען הצלת נדחי ילדי ישראל לקרבם לשמירת התורה והמצוות
KINDLING YIDDISHKEIT IN THE HEARTS OF THE CHILDREN LOST TO OUR FAITH
מיטוואך פרשת קרח הבעל"ט
באולם ויואל משה
בשעה 8:30
המעמד נתנדב לעי"נ האשה החשובה
מרת פעשא גיטל בת ר' שלום ע"ה
נתנדב ע"י בנה הרה"ח מו"ה נחום זינגער הי"ו - יו"ר וועד הדינער
מתנות וועלן פארטיילט ווערן פאר די משתתפים
[illegible] גורלות בלויז פארן זיך באטייליגן ביים מעמד
מעמד פדיון הבן
של אחד מחשובי תלמידי ישיבתינו הק'
סיומי מסכתות
על ידי
כמה מתלמידינו החשובים
משא המעמד
הרב הגאון המפורסם פה מפיק מרגליות
רבי אשר לוסטיגמאן שליט"א
מחנך ומשפיע נפלא מארה"ק
הסעודה מוקדש לעי"נ
הרה"ח מוה"ר שלמה אלימלך ב"ר צבי שטערן ע"ה
נפטר י"ג סיון דהאי שתא שנת תש"ע
נתנדב ע"י משפחתו החשובה
זכרו לנצח
ע"י
כ"ק הרה"צ רבי משה אהרן רייך שליט"א
מפשעווארסק

פון מיין אפיס פענסטער'ל
מתתי' גראס

אכטונג נ.י. סיטי איינוואוינער, שווינדלער לאקערן אויף אייך!

ויהי היום, געווען איז עס אין א קאלטע 90 דעגרי זומער טאג, ווען עס האט מיך אנגעכאפט א שרעקליכע דארשט, איך גיי אריין אינעם נעגסטן גראסערי און נעם ארויס א קליין באטל קאלטע ספרינג וואסער, "האו מאטש איז איט?" "1 דאלער", נו, האב איך נאר געהאט 75 צענט, טשעינדזש פון מיין 10 דאלער ביל האט דער גויש'ער קעשער נישט געהאט. ברוב טובתו האט ער מיר קודם געלאזט נעמען דעם וואסער, זיך אנשפען מיט פרישע כוחות, און איך זאל אים ברענגען דעם אנדערן קווארטער ביז 10 מינוט.

איך האלט אזוי אינמיטן טרינקן, ווען פלוצים וואקסט ארויס אן אפריקאנער, "סויר" דא האסטו א ביל פון 70 דאלער!, דו ביסט שולדיג דא פאר אונזער גראסערי 70 דאלער! דו האסט צייט צו צאלן ביז א חודש, אויב באקומען מיר נישט די געלט וועלן מיר וואקנעמען דיין אויטא אדער אנדערע פארמעגנס!"

איך שטיי פארלוירן, איך ווייס ניטאמאל וואס צו פרעגן, 70 דאלער מאן דכר שמיה?

מיטן 70 דאלערדיגן ביל אינעם האנט נעם איך זיך קוראזש, און איך גיי צו צו מיין נארוואס געווארענע בר פלוגתא וואס האט שוין אנגעהויבן וואוועקטשעפצען, "סארי מיסטער" מיטן גרעסטן רעספעקט, אבער וואס איז דער ביל פון 70 דאלער?

"דו האסט נישט באצאלט דיין קווארטער פאר דיין וואסער אין די 10 מינוט וואס מיר האבן דיר געגעבן, דעריבער באקומסטו דעם 70 דאלערדיגע ביל"

איך בין געווען אין א טאטאלער שאק, איך האב נאך אזאנס נישט געהערט אין די גאלדענע אמעריקא.

"ווען איך צאל נישט א קרעדיט קארד אין צייט דארף איך צאלן א נישטיגע (?) 15 פראצענט אינטערעסט רעיט, און דא דא פאר א נארישע קווארטער דארף איך צאלן 27,900 פראצענט? איך פארשטיי נישט. ילמדנו רבינו - איך צאל דיר אפילו 10 דאלער וואס איז שוין די והותר, אבער 70 דאלער? איך בין דאס נישט משיג". ווערט שוין מיין שטימע אומגעדולדיג.

"יא, אזוי גייט עס דא אין דעם גראסערי, דאס איז די וועג וויאזוי מיין בעה"ב מאכט געלט, ער מאכט נישט קיין געלט פון די קווארטערס, ער מאכט געלט פון די הויכע פראצענטן וואס אזעלכע גנבים ווי דיר דארפן צאלן".

רופנדיג פאליציי לאזן זיי מיך ווינקן אז איך זאל בעסער צאלן דעם 70 דאלער, זיי ווייסן דערפון "עס איז פולשטענדיג לעגאל, און אז דו האסט נישט באצאלט דיין קווארטער אין צייט זאלסטו זיין מוחל צאלן די 70 דאלער, אז נישט וועסטו ליידן גאר שטרענגע קאנסעקווענצן!".

ווען די טענה'ריי גייען העכער און העכער ווארנט מיר דער פאליציי אז איך זאל זיך חלילה נישט טרויען אים פיזיש צו אטאקירן, נאך א פרישע געזעץ וואס טיילט צו מאקסימום שטראפן פאר די וועלכע אטאקירן אזעלכע סארט מענטשן וואס זענען געשטעלט אויף אזעלכע פאזיציעס.

פארשטייט זיך אז ארויסגייענדיג פון געשעפט האב איך גלייך אנגעהויבן מיין היים ארבעט, זיך נאכגעפרעגט ביי כלל טוער און עסקנים, זיי האבן מיך אלע אנגעקוקט נאאיוו און אומוויסנד, "עס איז נישט קיין פרישע זאך, דו האסט נישט קיין אנדערע אויסוועג בלויז צו צאלן די 70 דאלער".

דער געוועזענער בארא פארקער קאונסיל מעמבער ר' שמחה פעלדער האט מיך געלאזט וויסן אז ער ארבעט יעצט אויף א געזעץ וואס זאל נישט ערלויבן פאר דעם אפריקאנער צו געבן דעם 70 דאלער ביל נאר אויב עס איז שוין דורך א 5 מינוט פעריאד נאכדעם וואס די חוב איז חל, אבער ער שטייט אויס שוועריגקייטן פון מעיאר בלומבערג, "עס גייט בלויז ברענגען צומישעניש" - טענה'ט דער מעיאר - "עס איז א גרויס אינקאם פאר די גראסערי לייט, און אז דו האסט נישט באצאלט א קווארטער פאר די פונקטליכע צייט איז דיין חוב געשטיגן 279 מאל אזויפיל, וואו איז דאס געהערט געווארן אז א קווארטער חוב זאל מעגן ווארטן אפילו איין מינוט?, ווען איך האב די ריכטיגע כוחות העכער איך די שטראף צו 1000 דאלער פער קווארטער". איר הערט? א געטרייע מעיאר.

דער קאונסיל מעמבער האט מיך אבער פארשפראכן אז ער ארבעט אויף קעגן און כלים אז בלויז נאך 5 מינוט זאל מען קענען העכערן דעם חוב אזויפיל, און ער האפט אויסצופירן. "מער ווי דעם איז נישט שייך צו טון, נאר אזוי מאכן די גראסערי לייט געלט".

"וואס יא? עס איז יא יא און עצה, דער געזעץ איז נאר גילטיג אין ניו יארק סיטי, אויב ווילסטו נישט צאלן אזעלכע שטראפן קענסטו זיך אוועקציען פונעם סיטי".

*

ביטע ליבע ליינער, מאכט א "פיינד & ריפלעיס" אין די אויבנדערמאנטע שורות, "גראסערי" קענט איר אויפטוישן מיט די "שטאט", "וואסער" זאלט איר אויפטוישן מיט "פארקינג מיטערס", און דער "אפריקאנער" בלייבט אן אפריקאנער פארן נעמען אזא דזשאב וואס נאר אזעלכע ווי אים זענען גרייט אנצונעמען.

balboos
יגיע כפיך כי תאכל
אדווערטייזט אין בעל-בית
און צילט דירעקט צו אייער קליענטאל
ווערט ארויסגעשיקט צו טויזנטער אימעיל אדרעסן. און די ליסטע פארגרעסערט זיך כסדר.
ספעציעל אויסגעארבעט פאר'ן ביזנעסמאן אנצוהייבן די וואך מיט זאכליכע תוכן וואס זענען אים דירעקט נוגע.
רעזולטאטן זענען פיל שנעלער ווי פאפירענע אויסגאבעס וועלכע ווערן נישט געהעריג דורכגעבליקט דורך מערסטנס ביזנעסלייט.
טוט די ריכטיגע שריט פאר אייער ביזנעס, רופט שוין
718-775-3018
or mail to: mail@balboos.com
Introductory rate sheet

צו הערן די וועכענטליכע **ביזנעס טעלעשו** מיט דעם באקאנטן ביזנעס קאוטש **ר' יואל קליין**
רופט 212 444 1100
#3 אויף די מעין מעניו דרוקט # 4 דרוקט # 2

סעיוון א וועבסייט צום קאמפיוטער

פינף וועגן וויאזוי דאס צו טון אנדעם וואס מען זאל דארפן דאונלאודן סיי וועלכע אפליקאציע

לייגט אריין די אדרעס, און עס וועט אייך ארויפברענגען די גאנצע בילד פונעם וועבסייט, און איר וועט קענען סעיוון די גאנצע אדער נאר א חלק.

www.kwout.com

www.capturefullpage.com

www.superscreenshot.com

פאר פייערפאקס עקזיסטירט א פלאג-אין וועלכע ערלויבט דאס זייער גרינג צו טון: www.screengrab.org

אדער קען מען קאנווערטן די גאנצע בלאט צו א PDF

www.html-pdf-converter.com

דער פירמע דזשענעראל עלעקטריק האט ארויסגעלייגט אן אינטערעסאנטע בערך'דיגע קאלקולירטער אויסצורעכענען וויפיל לעקטער עס ווערט באנוצט פון פארשידענע אפליייענסעס, וויפיל געלט עס קומט אויס פער חודש/יאר אין יעדע פון די 50 שטאטן. און ווי אזוי מען קען זיך שפארן דורך קויפן "ענערדזשי סטאר" פראדוקטן.

http://www.ge.com/visualization/appliances_energyuse/index.html

קלאסיפיידס
גוטע פארט טיים פרנסה געלעגנהייט, ארבעט פונדערהיים
מאן אדער פרוי געזוכט צו ברענגען אדווערטייזערס פאר א גוט גייענדיגע פובליקאציע, **גאר גוטע קאמישען באצאלט.**
שיקט אן אימעיל מיט פרטים צו משה:
MOSHEG2001@AOL.COM
ARE YOU PAYING TOO MUCH FOR INSURANCE?
Auto, Home, Property, Business - Give us a call & Save!
JNR Insurance Agency **718-640-1642 - mail@jnrins.com**
בלעקבערי פין: 31E7FFB2
Toners OEM/Generic All Models at super low prices
718-486-7673
Graphic and Web Design
Contact the professional www.SuperDesignNY.com
איינמאליגע קלאסיפייד זענען בחינם
mail@balboos.com

בית הבתים קומט אראפ צו אייך אין אפיס.
פיקט אויף די תפלין צו בודק זיין.
און ברענגט עס צוריק די זעלבע טאג!
דוב זיידה - סופר סת"ם
718.399.2753
בית הבתים

ABC
check printing
Tel: 201-305-0411
Web: www.abccheckprinting.com
300 Business Cheks for only $18.99
Fast and Easy Ordering
CLICK HERE

ביזנעס מיט חכמה

ask@askjoelk.com

זייט וועלט-בארימט

דורך: יואל קליין | איממידיעט מארקעטינג ענד ביזנעס קאנסאלטינג

איין זוניגע חול המועד נאכמיטאג, האב איך געכאפט א רייזע אויף דעם "סטאטן איילענד פערי" מיט מיין משפחה. איידער מיר האבן זיך געגרייט אראפצוגיין פונעם שיף, האבן מיר געהערט דעם קאפיטאן אויסרופן אויף דעם הויכהילכער, "א גרויסן דאנק פארן רייזן אויף דעם 'וועלט בארימטן' סטאטן איילענד פערי."

ווען איך האב אריינגעטראכט אין די ווערטער, האב איך איינגעזעהן אז עס איז טאקע אזוי. פילע טוריסטן וואס קומען זעהן דעם "סטאטשו או ליבערטי" וועלן רייזן דערצו אויף דעם שיף. און עס האט גוט געשפירט צו וויסן אז מיר גייען יעצט אראפ פון דעם "וועלט- בארימטן" שיף! דורך פארן אויף א וועלט-בארימטן שיף, באקומט דער פאסאזשיר אויך א געוויסע געפיל אז ער זעלבסט איז וועלט- בארימט. עס טוישט א טאג-טעגליכער געשעהניש צו א גאר ספעציעלע רייזע וואס מענטשן קומען נעמען פון דעם אנדערן עק וועלט.

וויבאלד איך קוק אלעס אן מיט א ביזנעס בליק, האב איך עס גלייך באהאפטן צו דעם פעלד. איך האב זיך אנגעהויבן פרעגן קשיות.

ביי וועלכע פונקט ווערט עפעס וועלט-בארימט?

וויפיל מענטשן, למשל, וואלטן געמוזט רייזן אויף דעם שיף איידער ער האט באקומען דעם טיטל פון וועלט-בארימט?

האבן זיי זיך נישט געקענט אזוי רופן גלייך ביים עפענען? און אויב זיי וואלטן יא, ווי וואלט דאס געטוישט דעם וועג ווי די איינגעשטעלטע פירן זיך אויף? ווי אזוי וואלט דאס אפעקטירט אונזער עקספעריענס אלס קליענטן?

דער מציאות איז, אז אויב די איינגעשטעלטע שפירן אז זיי ארבעטן אין א וועלט-בארימטע פירמע, וועלן די קונים דאס שפירן.

דעריבער, מאכט עס נישט קיין חילוק אין וועלכן פעלד איר ארבעט. ווייל יעדע סארט פירמע קען ווערן וועלט-בארימט אויב איר קוקט דאס אזוי אן. אז איר שטעלט זיך פאר אז איר הייבט אן טוהן אייער ביזנעס נישט אלס א פשוטער (שטעלט אריין וואס איר טוט), נאר אלס א וועלט- בארימטער ( ), וועלן די קונים דאס אודאי שפירן.

ווי אנדערש וואלט איר געגרעטעט? ווי אנדערש וואלט איר זיך געפירט?

טראכט וועגן דעם פונקט פאר די נעקסטע פאר טעג. איר טוט סיי ווי אייער ארבעט, איז פארוואס זאלט איר נישט זיין וועלט-בארימט?

"איז פארוואס זאלט איר נישט זיין וועלט-בארימט?"

יואל קליין איז א בארימטע היימישע ביזנעס קאנסאלטענט, צי הערן די וועכענטליכע "יואל קליין ביזנעס טעלעשוי" אויף קול מבשר, רופט 212 444 1100 #3 אויף די מעין מעניו דרוקט # 4 דרוקט # 2.

מיד ביי די ארבעט?
advanced nutrition by ZAHLER
Feel Better, Everyday
B12 Energizer+
NATURAL CHERRY FLAVOR
NATURAL BERRY FLAVOR
PICK ME UP
120 LOZENGES

שלאגט אפ מאטערניש און מידקייט, שעפט אייך אן מיט פרישע נאטורליכע כוחות. Zahler® B12 Energizer+™ וועט אייך העלפן אריין בלאזן ענערגיע אינעם קערפער פונדאסניי. א שאד זיך צו מוטשען, **גיבט אריין א חיות אין א איד!**

$OLID
NEGOTIATION SERVICES
Loan Modification? Debt Settlement?
TRUBLE-FREE SERVICE. SOLID RESULTS.
1•845•783
HOPE
יואל זאבעל
לאון מאדיפיקעישאן עקספערט
פאר פערזענליכע און געטרייע באגלייטונג
רופט היינט פאר אן אפוינטמענט
טויזנטער צופרידענע קליענטן

קוויק בוקס
עצות און טיפס
Intuit
QuickBooks
Pro 2010
Premier

דורך: יוחנן שיף

Email:Yshif@balboos.com

נייע אפציע אין קוויק בוקס - עדיטען מערערע ענטעריס אויף איינמאל

מיר האבן נישט לאנג צוריק (קוויק בוקס - בהעלתך תש"ע), זיך אפגערעדט אויף קוויק בוקס, הלמאי עס שטעלט נישט צו קיין מעגליכקייט צו עדיטן מערערע "ענטעריס" אויף איין מאל, א שטייגער ווי "עקסעל", אן דארפען אויפזיכען און ארייננגיין אין יעדע באזונדער. גראדע איז דאס געווען אין א ענטפער אויף א שאלה, לגבי אינוואויסעס.

למעשה שטעלט זיך ארויס אז אין די נייע 2010 ווערסיע האט זיך עס היבש פארבעסערט אין דעם הינזיכט, נעמליך, עס איז צוגעקומען א נייע פיטשער וואס ערמעגליכט טאקע גענוי דאס, עס הייסט Add/Edit Multiple List Entries

אבער כדרכו פון קוויקבוקס איז נאך גאנץ באגרעניצט, און היבש פאצעריש, עס ארבעט נאר אויף א באגרעניצטע צאל ליסטעס, עס איז צום האפן אז אין די קומענדיגע ווערסיעס וועט עס פארבעסערט ווערן.

די פאלגענדע ליסטעס זענען סופארטעד אין די יעצטיגע ווערסיע.

- קאסטומערס
- ווענדארס
- סערוויס אייטעמס
- אינווענטארי אייטעמס און נאן-אינווענטארי אייטעמס

צו עפענען גייט צו Lists און דערנאך צו Add/Edit Multiple List Entries

ביי דיפאולט וועט איר זען די קאסטומער ליסטע, אבער איר קענט אויסוועלן די אנדערע אויבן דערמאנטע ליסטעס פון די "ליסט" דראפ דאון מעניו.


List
Customers
Currently Editing:

איר וועט יעצט זען די גאנצע ליסטע אויסגעשטעלט ווי א "ספרעד שיט" איר קענט ארבעטן אזוי ווי איר זענט צוגעוואוינט אין "מייקראסאפט עקסעל". יעדע שורה איז איין גאנצע רעקארד, דאס הייסט א קאסטומער אדער אייטעם.

מען קען עדיטען, קאפיען און פעיסטען פון איין פעלד צו די צווייטע, און אפילו צולייגן גאנץ נייע שורות, דאס הייסט נייע קאסטומערס אדער אייטעמס אא"וו.

מען קען זיך אסאך גרינגער מאכן דורך אוועקנעמען קאלומס וואס מען ניצט נישט אדער מען וויל נישט עדיטען יעצט. דאס צו טון קליקט אויף Customize Columns.


Add/Edit Multiple List Entries
① Select a list.
② Customize columns to display.
③ Paste from excel or type to ad
List
Customers
View
Active Customers
Find
Currently Editing:

Name	Company Name	Mr, Mrs	First Name	M.I.	Last Name	Phone	Alt
Ashburn	Ashburn Foods		R.		Ashburn		
Lopes	Lopes Inc.		D.		Lopes		
Manuel	Manuel Inc.		C.		Manuel		
Moyer	Moyer LLC		J.		Moyer		
Rollins	Rollins Spa		J.		Rollins		
Ruiz	Ruiz Masks		C.		Ruiz		

מען קען אויך מסדר זיין לויט א געוויסע קאלום דורך קליקען אויף די קאלום נאמען, איינמאל וועט עס ווערן מסודר פון אינטען ארויף און נאכאמאל פאר פון אויבן אראפ. עס קען זיין זייער נוצליך אויב וויל מען זען אלע קאסטומערס פון איין זיפ קאוד וכדומה.

אויב וויל מען ארייננפילען און אלע שורות די זעלבע זאך אין א געוויסע קאלום, ווי למשל NET 30 קען מען עס ארייננפילען איינמאל, און דערנאך רייט קליקען, און קליקען Copy Down, דאס וועט עס ארייננפילען אין אלע שורות ביז אינטען, אכטונג: אויב עס איז דא אנדערע אינפארמאציע אין די קאלום אין איינע פון די שורות וועט עס ווערן איבערגעשריבן. אויב ווילט איר נישט, פרובירט צו מאנעווירן אז עס זאל זיין העכער דורכן טוישן די סדר, אזוי ווי מיר האבן געשריבן פריער.

מיט דעם וועלן מיר שטיין בלייבן לעת עתה מיט די נושא פון קוויק בוקס, מיר וועלן נאך אפשר זיך צוריק קערן דערצו בעתיד, אויב עס וועט זיין א פארלאנג. מיר האבן נאכנישט אפגעמאכט צו וועלכע נושא זיך צו נעמען יעצט, אויב איר ווילט מען זאל שרייבן איבער א געוויסע נושא, שיקט א אימעיל צו Yshif@balboos.com מיר וועלן זיך פרובירן צו רעכענען מיט רוב דעות.

יוחנן


J. Weinberger
ARCHITECTURAL TEAM
INTERIOR DESIGN SOLUTIONS
וואו איז דא פלאץ פארן נייעם ארבייטער?
718.855.5702
718.865.0645
info@archteamonline.com


Late Hours
Open Daily until 10:00 PM
Printout
Print technology in action
829 BEDFORD AVE
BET. PARK & MYRTLE BROOKLYN, NY 11205
718.855.4040
E-MAIL: JOBS@PRINTOUTCOPY.COM